Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

היינט 10 זייטען

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 276 | Łódź Niedziela, 29 listopada 1931 r. | נייעטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, י"ט כסלו תרצ"ב | № 276

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# גרויסע אנטיסעמיטישע עקסצעסען אויפ'ן אוניווערזיטעט אין ווינע

## צעהנדליגער פערוואונדעטע יודישע סטודענטען. — אין בראטיסלאוו לאזט מען נישט אריין אין אוניווערזיטעט די יוד. סטודענטען פון פוילען

ווינע, 28 (ספ. טעל.) היינט זענען אין ווינער אוניווערזיטעט פארגעקומען זעהר ערנסטע אנטיסעמיטישע אויזרוהען, די נאציאנאליסטישע סטודענטען האבען זיך געווארפען אויף די יודען מיט שטעקענס און גומעס און צעהנדליגער פון זיי פערוואונדעט. צו פיל יודישע סטודענטען האט מען געמוזט ארויסרופען די פאגאטאוויע.

בראטיסלאוו, 28 (ספ. טעל.) די יודישע סטודענטען פון פוילען זענען דורך אנטיסעמיטען נישט אריינגעלאזען געווארען אין אוניווערזיטעט, זיי זענען מערדערליך צושלאגען, די אינטערווענץ פון פוילישען קאנסול האט נישט געהאט קיין פעולה.

# 3 תליות אין בעראנאוויטש

## אויפגעהאנגען 7 פערמשפט'ע

בעראנאוויטש, 28 (טעלעפאנ.) פרייטאג האלב 12 בייטאג האט מען אין בעראנאוויטש אויפגעהאנגען 7 פערזאן, וועלכע זענען פערמשפט געווארען צו טויט פאר שפיאנאזש לטובת א שכנות-דיגער מלוכה. ס'זענען אויפגעשטעלט געווארען אויפ'ן תפיסה-הויף 3 תליות. די עקזעקוציע האט געדויערט 3 שעה. אלע פערמשפטע האבען זיך מתודה געווען פאר'ן גלח. די נעמען פון די געהאנגענע זענען: ניקאפאר סמירקא, מיטראפאן קאטשער, יאן באריס ניקאלאי אראקאווסקי, אנאטאל קאשילסקי, יאן אראקאוויטש, אלעקסאנדער פאטשקאוו.

# פראצעס געגען א גרופע ווארשעווער פרנסים

## צוליר די געשעהענישען אין ווארשעווער קהלה

ווארשא, 28 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). דער אויספארשונגס - ריכטער האט שוין פערענדיגט די אויספארשונג וועגען די געשעהנישען, וואס זענען בשעתו פארגעקומען אין דער ווארשאווער קהלה און בעת וועלכע ס'איז פערוואונדעט געווארען אין אויג דער פערזעס בנזור. די אקטען זענען איבערגעשיקט געווארען צום פראקוראר און אינגיכען וועט פארקומען דער פראצעס געגען א גרופע פרנסים.

---

נאך לאנגע שווערע ליידען איז שבת-קודש י"ח כסלו געשטארבן אין עלטער פון 73 יאהר אונזער טייערע הייסגעליבטע און אונפערגעסליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער און שוועסטער

נ. ע.

# שרה אשת ר' אשר הערש ז"ל זילבערג

## (געבוירענע שעראדזקא)

די לויה קומט פאר היינט זונטאג, דעם 29-טען נאוועמבער 1931, 1 א זייגער בייטאג פון טרויער-הויז זשעראמסקיעגא 42 (פאנסקא)

וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

---

זאל „הזמיר" קאשטשושקי 21.

יידישער טעאטער-קאמיטעט אין לאדזש

היינט, זונטאג, דעם 29-טען נאוועמבער, 9 אווענד

# א טעאטער-דיסקוסיע

## אלטע און נייע וועגן פון יידישן טעאטער

רעפערענטן: דיכטער בראדערזאן, ד"ר פאללעק, רעד. ל. פוקס, מ. פעדער, דיר מ. מזאה, רעזשיסער מאשקאוויטש און ד"ר טארטאקאווער. אין דער דיסקוסיע קאן זיך באטייליקן יעדער פון פובל.

בילעטן פריהער צו באקומען אין באר „איראפעיסקי", שרודמיעסקא 4

7151

צו דער חתונה פון ה'

לעאן זארזשעווסקי

מיט פרל.

עדזשא שאפראן

ווינשען פיל גליק

ראפאל שמייער און פרוי.

בעקאנטמאכונג.

היינט, זונטאג, פינקטליך 8 א זייגער אווענד קומט פאר אין לאקאל פון דער „קולטור-ליגע" בזשעזינער 23

## א פערזאמלונג

פון די גלויביגע פון דער

## אלטשטעטישער פאלקס - באנק

צו וועלכער אלע אינטערעסירטע ווערען געבעטען פינקטליך צו קומען.

7260 א גרופע גלויביגע

טיף געריהרט זענען מיר צוליב דער אבדה, וואס עס האט אייך געטראפען צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון אייער אונפערגעסליכער טאכטער און שוועסטער נ. ע.

## פייגה בת ר' יצחק ז"ל בוימגאלד

און מיר דריקען אויס אונזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל דער גאנצער פאמיליע.

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פערוואלטונג פון דער ראדאגאשטשער שוהל „בית יצחק" ע"ש ר' יצחק בוימגאלד ע"ה

בעקאנטמאכונג.

די גרינדונגס-קאמיסיע פון דער „גמילות-חסדים-קאסע" ביים הילפס-פעראיין „משמרת החולים" מאכט עפענטליך בעקאנט אז היינט, זונטאג, דעם 29-טען נאוועמבער ד. י. קומט פאר אין פעראיינס לאקאל, ליפאנאווסקיעגא 6, פינקטליך 7 א זייגער אווענד

## די ערשטע גרינדונגס-פערזאמלונג

מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג:

1) וואהלען פון א פארזיצענדען, 2) בעשטעטיגען די סטאטוטען, 3) וואהלען פון א פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיסיע, 4) פרייע פארשלאגען.

די גרינדונגס-קאמיסיע.

7257

# PAW ציהט צו...

אזוי ווי א מאגנעט ציהט צו די בעריהמטע מארקע פון אונזערע אויסארבייטונגען די צאהלרייכע מאסען דאמען און הערען, אזוי שטענדיג און אזוי אויך נייע קליענטען, אין אונזער סאלאן פאר דעטייל-פערקויף אויף פיעטריקאווער 154

## ווער עס קויפט איין מאל, דער קויפט שטענדיג!

דאס איז אונזער דעוויז, לויט וועלכען מיר בעמיהען זיך שטארק צו פערקויפען שטענדיג דאס, וואס איז דאס נייעסטע און בעסטע צו פאבריקס-פרייזען.

דער ריזיגער אויסוואהל, דער וואס מעהר וואקסענדער קרייז פון אונזערע קליענטען, ענטציקט יעדען איינציגען, ווער עס קומט צום ערשטען מאל אריין אין אונזער סאלאן.

מיר בעריקזיכטיגען יעדע איינציגע פיגור, אזוי פון א יונג פרייליין און פון א עלעגאנטער דאמע.

## אויסנאהמס-געלעגענהייט!

פונ'ם 1-טען דעצעמבער ארדנען מיר איין א געלעגענהייטליכען ווייהנאכטס-פערקויף און צו דעם צוועק לאדען מיר איין די ג' קליענטען אויפ'ן 1-טען שטאק פון אונזער דעטייל-סאלאן אויף

## 154 פיעטריקאווער 154

**„PAW“**
סאלאן פאר דעטייל-פערקויף
**Łódź, ul. Piotrkowska 154**

עס גילט פאר יעדער פרוי דער כלל
צו פערלאנגען „PAW“ וועש איבעראל.


מיט 25 פראָצענט ביליגער ווי איבעראל!
**דאמען= און הערען-פעלצען**
ווי אויך אלע איינצעלנע פעלעכלעך
איך א רייכען אויסוואהל מיט גוטע בעדינגונגען אין פעלץ = ווארען - געשעפט
**I. SZWARCMAN**
**Narutowicza 42, tel. 166-31**
בעמערקונג: קיין שום פיליאס בעזיץ איך נישט.

**LOKAL**
7-mio pokojowy, frontowy na 1 piętrze **do wynajęcia** od zaraz przy ul. Gdańskiej, między ul. Zawadzką a 11 listopada. Czynsz mieszkan. niski. Wiadomości udziela Kancelarja Gimn. Zgr. Kupców, Narutowicza 68 od godz. 9–15, tel. 115-31

**האמעאפאט**
**Dr. med. M. GELLER**
**לאדז, קאפערניקא 49**
טעלעפאן 245-50
היילט מיט קרייטעכצער אין אלע קראנקהייטען.

**Dr. H. Weisshoff**
אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען
**זאוואדזקא 23, טעל. 162-95**
נעהמט אן פון 4–6 נאכמיטאג.

44 וויכטיג פאר מחותנים! 44
קייפט נישט קיין
**מעבעל** בעפאר איהר איבערצייגט אייך נישט אין מיין מעבעל-געשעפט
**Ch. ŁAZNIK**
44 גדאנסקא (דלוגא) 44
טעל. 162-55
נאר ביי מיר קענט איהר בעקומען פערש. מעבעל שעהן, גוט און ביליג.
בעט: בקויף אויך גענוצט מעבעל, דיוואנעם א. ז. וו.
44 קומט און איבערצייגט אייך! 44

**אשותּה**
**מיט 3000 דאלאר**
קען צוטרעטען צו א בוי און איינריכטען א ספּעציעלע לעטשניצע. — גוטער ערפאלג געזיכערט אפערטען אונטער „Zakład Leczniczy“ אין אדמיניסטראציע פון דער צייטונג.



## קליינע אנאנסען

פרייז פון אנאנאנס ביז 15 ווערטער נור 1 זל.

וויכטיג פאר א זייגערמאכער, עס איז דא איבערצוגעבען אנ'אלט איינגעפיהרט זייגערמאכער געשעפט מיט איינריכטונג אויף זעהר גוטע בעדינגונגען ביי פאוולאווסקי ראקיטשינסקא 22 צו ערפאהרען פון 9 פריה ביז 9 אוונט.

3 קעלער'ס אויף נאוואמיעסקא 21 פון זאפארט אפצוגעבען געאייניגט אויף קויהלען און אויך אויף א פאבריקעל צו ערפאהר'ען אין פוסטער-געוועלב נאוואמיעסקא 31.

געוועלבער און לאגערן גיבען מיר איבער אין פאכט אויף קאשטשעלנא 3. צו ערפאהרען ביים ווירט.

### פערשידענעס

כ'קויף קינדער-זאקען-מאשינדלעך פון נומער 1 ביז 8 און אויך א שליטען-מאשין צו רענדלען. אפערטען א... עבען ביי ענגעלקי, פיעטריקאווער 24, וואוינונג 19. 7203

איך לוין בעהם איך אן אויף א 12-ער און 13-ער שטריק-מאשינען רעגדער און סוויטערס. מ. אייזענבערג, נאוואמיעסקא 26.

מעכאנישע שלייפעריי נעהמט אן צו שלייפען, שערען, מעסער און לאנגע מעסערס. פולנאצנא 18, אין פראנט-געוועלב.

א שותף מיט 2000 זל. זוך איך צו א גוט איינגעפיהרטע האנדעלס-ביורא מיט א גרויס פערדינסט. אפערטען אין אדמינ. אונטער א שותף, אדער פון 10 ביז 12, טעלעפ. 15-166.

א קאסע-שראנק און א ביורקא ווי אויך א שרייב-טיש ביליג צו פערקויפען, וואלבארסקא 4, ביים ווירט.

### לאקאלען

א פארטער-לאקאל נעבען פלאץ וואלנאשטשי, אין פון באלד איבערצוגעבען. צו ערפאהרען ביי ראק, נאוואמיעסקא 14, אין געוועלב.

ביליג צו פערמיטען א צימער, געאייגנעט פאר א דאמען-שניידערין, אדער אויף א ביורא. ביי פישאף, פולנאצנא 9, אויך אויספערקויף פון פערשידענע מאלער-שאבלאנען. 7223

פון זאפארט ביליג איבערצוגעבען זוניגע 3 גרויסע שטיבען און קיך, פולנאצנא 31, ווינקעל סאלנא, וואוינונג 10. 7251

צו פערדינגען 2 וואוינונגען צו 2 שטובען און קוכען מיט אלע בעקוועמליכקייטען אויף בזשעזשינער 11, צו ערפאהרען ביים ווירט.

וואוינונגען צו פערמיטען, איינצעלנע שטובען אויף פראנציסקאנער גאס. צו ערפאהרען מרדכי גבאי'ס גאס 9, ביי צוקער-מאן.

א מעבלירט צימער, ביליג צו פערדינגען. ווסכאדניא 64, וו. 15. 7254

א וואוינונג איבערצוגעבען פון צוויי צימער מיט א קיך, מיט בעקוועמליכקייטען, 11. ליסטאפאד (קאנסטאנטינער) 47, ביי י. בוכהאלטער.

א צימער מיט א בעזונדערן איינגאנג איבערצוגעבען, פולנאצנא 31, וו. 16. 7261

Przyjmę 1–2 panów na spanie przy int. rodzinie za niskiem wynagrodzeniem miesięcznym. Pomorska 14, front, II p. mieszk. 4. 7217



אבאנעמענטס-פרייז: אין לאדז – 5 זל. א חודש מיט צוטראגען א היים; אויף דער פראווינץ 6–5 זל. א חודש אין אויסלאנד – 8 זל.
פאר'ן אינהאלט און טערמינען די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך, די אדמיניסטראציע איז אפען ביי טאג און ביינאכט.

אנאנסען-פרייז: פאר'ן טעקסט—18 גר. פרייטאג און ערב יו"ט—24 גר. אין דער זייט 8 שפאלטען
אין טעקסט—40 „ „ „ „ —60 „ 4 „
נאכ'ן טעקסט—12 „ „ „ „ —18 „ 8 „
אויסער דער שטאט 50 פראצ. ... 100 פראצ. ... טעלעפאנען—10 גר. א ווארט

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Zilberberg. Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.